בס"ד

תצא תשפ"ד

גליון 207

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### פּוּפְּצִיג טוֹיעֶרְן

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעדֶער אִיד זוּכְט פוּן טִיפְן הַארְץ אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער רֶבִּי, אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה ע"ג חֵלֶק ב') גִיבְּט אוּנְז אַ זִיסֶע, פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה דֶערְצוּ. "וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה זָאל זִיךְ צוּגֶעווֶואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, ווַייל זָאגְן תְּהִלִּים אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף תְּשׁוּבָה."

וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אִיז דָא פוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פוּן תְּשׁוּבָה. נַיין אוּן פֶערְצִיג טוֹיעֶרְן קֶען יֶעדֶער אִיד מַשִּׂיג זַיין אוּן דֶערְגְרֵייכְן. אָבֶּער דֶעם פוּפְצִיגְסְטֶער טוֹיעֶר אִיז דֶער טוֹיעֶר וואוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַליין טוּט תְּשׁוּבָה אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם", קֶערְט זִיךְ צוּ מִיר אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶערְן צוּ אַייךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז תְּהִלִּים זָאגְן אִיז גוֹרֵם אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה אָדֶער עֶר ווֵייסְט נִישְׁט אִין וֶועלְכֶע טוֹיעֶר עֶר דַארְף אַרַיינְגֵיין וֶוען עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אָדֶער עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער טוֹיעֶר וֶועט זַיין פַארְמַאכְט, קֶען עֶר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים ווִיסְן וֶועלְכֶע שַׁעַר פוּן תְּשׁוּבָה גֶעהֶערְט צוּ אִים צוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען דֶעם טוֹיעֶר. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים בִּפְרַט אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (עָרְלָה ד' אוֹת ט"ז) אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַזַא רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אַז סְ'אִיז נִישְׁט דָא אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה בִּיז דֶער נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן אִין דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאבְּן אַ כֹּחַ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען שְׁטַארְקֵייט אוּן פֶּעסְטְקֵייט אִין יֶעדְן אִיד פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן בִּיז דֶעם קְלֶענְסְטְן אִין יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן פְּלַאץ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְלִיג גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "כּוֹכְבֵי אוֹר" בְּשֵׁם ר' נָתָן אַז צוּ זָאגְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים דָאס הֵייסְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת מִיט שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אִיז מְסוּגָּל אַזוֹי ווִי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. אִין טַאקֶע אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען גֶעזֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בָּקִי אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹיף אוֹיסֶעווֵייניג אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ'.

לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פַארְוָואס זוּכְט עֶטְס מִיר נִישְׁט?" דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוּן אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער גֶעבֶּעט, אוּן זָאל אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים גְּמוּרִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה

# איין אשה'לע



## אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ

אִיךְ וִויל נֶעמֶען דִי גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶער הֶערְלִיכֶער גִלְיוֹן וָואס קוּמְט אַרוֹיס וָואךְ אֵיין וָואךְ אוֹיס אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל. דֶער גִלְיוֹן בַּאלַייכְט אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ וֵוייס טַאקֶע נִישְׁט ווִי אַזוֹי ס'אִיז ווִירְקְלִיךְ פָּארְגֶעקוּמֶען. דִי וָואס וֶועלְן עֶס לֵייֶנען וֶועלְן זִיכֶער הָאבְּן אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת אָבֶער ס'אִיז דָא נָאר אֵיין עֶנְטְפֶער: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ הַשְׁגָחָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס קוּמְט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ נִישְׁט הַיינְט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר פַאר אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק וֶוען אוּנְזֶער קָרוֹב הָאט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיסְגֶעוַוארְט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. דָאס אַלֵיין אִיז אַ מַעֲשֶׂה פַאר זִיךְ וָואס פַּאסְט זִיךְ אַרַיין אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט. דָאס פָּארְפָאלְק הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן נָאר זֶענֶען אַלְץ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג בַּיי אַן אַנְדֶערְן אָרְט: פוּן קֵבֶר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא צוּ קֵבֶר שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק, קֵבֶר רָחֵל, קְבָרִים אִין צְפַת אוּן טְבֶרְיָה. וואוּ אִימֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַ מָקוֹם פוּן אַ צַדִּיק הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקָאכְט מִיט תְּפִלָּה אוּן זִיכֶער הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן אַלְס בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִיז עֶר פִיל גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. אִיבֶּערָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.

אִין אַ טָאג אִיז דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן מִיט דִי אִיבֶּערְרַאשְׁנְדֶע נַייֶעס אַז ר' נָתָן הָאט גֶעבּוֹירְן אַ מֵיידְל. יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי גְלִיקְלִיכֶע עֶנְדֶע, אַז נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן פוּן תְּפִלּוֹת הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד. ר' נָתָן הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן גְלִיק. אַצִינְד קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז ר' נָתָן הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אַ נֶעכְטִיגְן טָאג, דִי פָאלְגְנְדֶע בַּאזוּכְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקָאכְט מִיט הוֹדָאָה אוֹיף דִי טַייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען.

ר' נָתָן הָאט גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין אוּמַאן מִיט דִי קְלֵיינֶע בֶּעיבִּי אָפְּצוּגֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אַ בֶּן-זָכָר. וֶוען דָאס מֵיידְל אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מֶער פוּן אַ יָאר אַלְט אִיז דֶער עוֹלָם נָאכְאַמָאל דֶערפְרֵייט גֶעוָוארְן מִיט דִי צְוֵוייטֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה: ר' נָתָן הָאט גֶעבּוֹירְן אַ יוּנְגְל בֶּעיבִּי. יֶעדְנְ'ס הַארְץ אִיז פוּל גֶעוָוארְן אוֹיף ר' נָתָנְ'ס גַאנְצֶע שִׂמְחָה, אַצִינְד הָאט עֶר שׁוֹין אַ יוּנְגְל אוּן אַ מֵיידְל.

ר' נָתָן מִיט זַיין פְרוֹי הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶערוּט פוּן דִי שִׂמְחָה אוּן וֶוען דִי בֶּעיבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען קוֹים אַ חֹדֶשׁ אַלְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער בַּאנֵייט זֵייעֶר בַּאזוּכְן בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דִי מַתָּנוֹת. דָאס מָאל הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ נְסִיעָה קַיין מִירוֹן צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעמִיט פַאר זֵיי.

אָפְּגֶעדַאוֶונְט און זִיךְ אָפְּגֶערוּט פוּן לַאנְגְן וֶועג הָאבְּן זֵיי צַאמְגֶענוּמֶען דִי צְוֵויי בֶּעיבִּי׳ס און זִיךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען צוּרִיק אַהֵיימְצוּפָארְן. מֶען הָאט פְּלַאצִירְט דִי בֶּעיבִּיס אִין קַאר און וַיִסָעוּ, מֶען פָּארְט. אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים וֶוען מֶען הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי גֶעפֶּעק הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט אַז דִי קַאמֶערֶע [בִּילְדֶער מַאכֶער] אִיז נִישְׁטָא.

וואוּ קֶען עֶס זַיין? ס׳אִיז קְלָאר גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי וֶועגְל. ר׳ נָתָן הָאט קְלָאר גֶעדֶענְקְט אַז וֶוען עֶר הָאט צַאמְגֶעלֵייגְט דָאס וֶועגְל הָאט עֶר עֶס גֶעזֶען פוּן אוּנְטְן, אָבֶּער אַצִינְד אִיז עֶס נֶעלָם. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טַייעֶרֶע אֲבֵידָה. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט הוּנְדֶערְטֶער בִּילְדֶער פוּן דִי צְוֵויי לִיכְטִיגֶע אוֹצְרוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעשָׁאנְקֶען. און דִי אַפַּארַאט אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ טַייעֶרֶע וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלְס מַתָּנָה צוּ דִי חֲתוּנָה.

וָואס טוּט מֶען יֶעצְט? זִיכֶער מַאכְט מֶען תְּפִלּוֹת. דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע הִשְׁתַּדְלוּת, דָאס צְוֵוייטֶע און לֶעצְטֶע..., עֶרְגֶעץ אִינְצְוִוישְׁן קֶען מֶען טוּן אַ קְלֵיינֶע פְּעֻלָּה. ר׳ נָתָן הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען אַ בָּחוּר וֶועלְכֶער אִיז פּוּנְקְט דָארְט גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייט און אִים גֶעבֶּעטְן צוּ אַרוֹיסְגֵיין צוּם פַּארְקִינְג לַאט אוֹיפְצוּזוּכְן דִי בִּילְדֶער מַאכֶער. נָאךְ אַפָּאר מִינוּט קְלִינְגְט יֶענֶער צוּרִיק אַז עֶר הָאט אִיבֶּערָאל גֶעזוּכְט און דָאס נִישְׁט גֶעפוּנֶען.

וָואס וַוייטֶער? תְּפִלָּה. הוֹדָאָה. תְּפִלָּה. הוֹדָאָה.

ר׳ נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מֶעלְדוּנְגֶען אוֹיף אַלֶע טֶעלֶעפָאן לִינִיעֶס פוּן מִירוֹן. עֶר הָאט גֶעקְלִינְגֶען דֶער הַשָּׁבַת-אֲבֵידָה אוֹיפְזֶעעֶר וֶועלְכֶער הָאט גוּט אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אִיבֶּערָאל אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פָּאזִיטִיוְון עֶנְטְפֶער, נָאר אַזוֹיפִיל הָאט עֶר אִים יָא גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן נוּמֶער פוּן דֶער אוֹיפְזֶעעֶר וָואס קוּקְט אִיבֶּער דִי אוֹיגֶעלֶעך פוּן מִירוֹן.

ר׳ נָתָן הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען און יֶענֶער הָאט אִים פַארְשְׁפְּרָאכְן אַז עֶר וֶועט אִיבֶּערְקוּקְן דִי אוֹיגֶעלֶעך אֶפְשָׁר וֶוער עֶר עֶפֶּעס קֶענֶען מְחַדֵּשׁ זַיין.

אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קְלִינְגְט עֶר צוּרִיק און עֶר זָאגְט אַז עֶר זֶעט טַאקֶע וִוי ר׳ נָתָן לֵייגְט צַאם דָאס וֶועגְל וֶוען פוּן אוּנְטְן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרוֹיס אַ בִּילְדֶער מַאכֶער. עֶר זֶעט וַוייטֶער וִוי ר׳ נָתָן גֵייט אַרַיין אִין קַאר און פָארְט אַוֶועק וֶוען זַיין אוֹצָר בְּלַייבְּט לִיגְן פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דֶער עֶרְד. אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קוּמְט אָן אַ צְוֵוייטֶער אִיד. עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן קַאר פַאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּם קֶבֶר פוּן ר׳ שִׁמְעוֹן און קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיין קַאר. יֶענֶער זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְפָארְן און אוּפְּססס, עֶר טְרֶעט אִיבֶּער דֶעם בִּילְדֶער מַאכֶער. עֶר שְׁטֶעלְט אָפּ דֶעם קַאר, קוּמְט אַרוֹיס און בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֶען אוֹיף וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן. עֶר הֵייבְּט אוֹיף דֶעם בִּילְדֶער מַאכֶער און פָארְט אַוֶועק דֶערְמִיט.

אָקֶעי, דֶער בִּילְד וֶועט אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעקְלָארְט. דֶער אוֹיפְזֶעעֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן עַד-כַּאן, כְ׳הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן מַיינְ׳ס, אָבֶּער נֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער מִיט זַיין חֶסֶד. עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן לַייסֶענְס און פְּרוּבִּירְט נָאכְצוּגֵיין דֶעם קַאר. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פִירְמֶע וָואס דִינְגְט אַרוֹיס קַארְס און יֶענֶער הָאט אָפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם פַאקְט אַז דִי קַאר אִיז גֶעפָארְן אִין צָפוֹן. זַיין קַאר אִיז גֶעפָארְן נָאר קַיין יְרוּשָׁלַיִם. ״אִיךְ קֶען דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן און זִיכֶער מֶעג אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן קַיין אִינְפָארְמַאצִיֶע פוּן קְלִיעֶנְטְן אָן

קַיין בַּאשְׁטֶעטִיגוּנְג פוּן דִי הֶעכֶערֶע פֶּענְסְטֶערְס.״

״דוּ קֶענְסְט פַארְגֶעסְן פוּן דָאס טְרֶעפְן,״ הָאט דֶער אוֹיפְזֶעעֶר גֶעזָאגְט אוֹיפְרִיכְטִיג. ״אַ מֶענְטְש טְרֶעפְט אַ בִּילְדֶער מַאכֶער אִיז נִישְׁט מֶער וִוי פָּשׁוּט אַז עֶר פַּאקְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין טַאשׁ אוּן טְרָאגְט זִיךְ אָפּ.״

״וָואס הֵייסְט?״ הָאט ר׳ נָתָן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. ״וֶוען מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט דֵיינְס זוּכְט מֶען אוֹיף דֶעם אֵייגְנְטוּמֶער.״

״נֶע, דָאס אִיז נָאר בַּיי דִי חֲרֵדִים. בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁטָא אַזַא מִין בַּאגְרִיף...״

נָאךְ עֶפֶּעס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען אַז מִיר הָאבְן אַ תּוֹרָה.

פוּן דָא אוּן וַוייטֶער וָואלְט שׁוֹין ר׳ נָתָן גֶעקֶענְט אוֹיפְגֶעבְן הָאפֶענוּנְג אוּן אֲפִילוּ אוֹיפְהֶערְן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין. אָבֶער נִישְׁט אַזַא אֵיינֶער פוּן ר׳ נָתָן וֶועט הֵייבְן הֶענְט. עֶר קֶען שׁוֹין טַאקֶע גָארְנִישְׁט טוּן אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אִים הַיינְט אָפְּצוּגֶעבְן זַיין אֲבֵידָה.

נָאךְ שַׁבָּת בַּאקוּמְט עֶר אַ טֶעלֶעפָאן רוּף פוּן אָן אוֹיפְזֶעעֶר אִין דִי סֶעקִיוּרִיטִי אָפְּטֵיילוּנְג פוּן צְפַת. ״אִיר הָאט פַארְלוֹירְן אַ בִּילְדֶער מַאכֶער?״ פְרֶעגְט אִים יֶענֶער.

״יָא,״

״דָא הָאט אִיר דִי פְּרָטִים פוּן יֶענֶעם. עֶר וואוֹינְט אִין אוֹר עֲקִיבָה. קְלִינְג אִים אָן.״

וָואס-וֶוען-וואוּ? ר׳ נָתָן אִיז גֶעוֶוען שַׁאקִירְט.

זֶעט אוֹיס אַז דוּרְךְ דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר פוּן מִירוֹן הָאט דֶער פוּן צְפַת בַּאקוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן לַייסֶענְס אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן פְּרָטִים פוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן יֶענֶעם קַאר.

ר׳ נָתָן הָאט זִיךְ גְלַייךְ פַארְבִּינְדְן מִיט יֶענֶעם אִיד. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער אֵייגְנְטוּמֶער פוּן דִי בִּילְדֶער מַאכֶער רוּפְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אִיבֶּערְרַאשְׁט אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעהֶערִיג אִיבֶּערְגֶעפָארְן דֶעם בִּילְדֶער מַאכֶער אוּן וִוי שַׁאקִירְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן בַּאמֶערְקְנְדִיג אַז נָאךְ אַזַא עֶקְסִידֶענְט אִיז עֶס נָאךְ גֶעבְּלִיבְן גַאנְץ אוּמְגֶעשֶׁעדִיגְט!

׳דָאס מוּז זַיין פוּן אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אֵייגְנְטוּמֶער,׳ הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט צוּ זִיךְ. אִיךְ מוּז דֶערְגֵיין וֶוער דָאס אִיז.׳ עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ עֶפֶענֶען דִי בִּילְדֶער מַאכֶער אוּן זוּכְן פְּרָטִים אָבֶער אָן עֶרְפָאלְג. עֶר פוּן זַיין זַייט הָאט אוֹיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת-אֲבֵידָה. אוּן דָא הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דִי פְּרָטִים פוּן זַיין קַאר. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס אָבֶער דִי בַּאהֶערְדֶע הָאבְן אַלְץ פְּרָאבְּלֶעמֶען צוּ גֶעפוּנֶען פְּרָטִים אוֹיף זַיין קַאר, דֶערְפַאר אִיז מֶען קוֹדֶם בְּטָעוּת אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פִירְמֶע וָואס דִינְגְט אַרוֹיס קַארְס אָבֶער צוּם סוֹף, נָאךְ פוּל זוּכֶענִישׁ הָאט יֶענֶער פוּן צְפַת יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף זַיינֶע שְׁפִּירְן.

בַּאמֶערְקוּנְג: סְ׳אִיז אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, סְ׳אִיז זִיכֶער בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען פַאר ר׳ נָתָן דִי אַלֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקְוֶועטְשְׁן פוּן אִים.

אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מִיט אַבִּיסְל מַחֲשָׁבָה קֶען מֶען פַארְמַיידְן אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען. אוֹיף אַ טַייעֶרֶע אַרְטִיקְל לֵייגְט מֶען אַרוֹיף אַ נָאמֶען אוּן טַייעֶרֶע אַרְטִיקְלֶען וִוי צִירוּנְגֶען, גֶעלְט אד״ג לֵייגְט מֶען נִישְׁט אַרַיין סְתָּם אִין אַ רֶענְצְל, טֶעשֶׁער אָדֶער וֶועגְל נָאר מֶען הִיט דָאס אָפּ פָּארְזִיכְטִיג.

# גֶעוואָרְן אַ רֶבִּי בַּיי דִי אַכְצְן יָאר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע בַּיי אַכְצְן יָאר. יֶענֶעם צַייט הָאט מֶען צוּגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן זַיין חֶדֶר מְיֻחָד, אִיז דֶער רֶבִּי דַאן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁוֶוער'ס שְׁטוּב. בַּיי אַכְצְן יָאר אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי.

דָארְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, ר' אַהֲרֹן דֶער רָב פוּן בְּרֶסְלֶב, ר' יוּדְל, דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד, זֵיי זֶענֶען אַלֶע מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי יָארְן, וָואס ס'הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְּן, אִין דִי תק"ן יָארְן.

דֶער רֶבִּי אִיז אַלְט גֶעוֶוען - וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן דָאס וָואס מִיר רֶעדְן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְטְס אַלְט גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר אָדֶער אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶר הָאט שׁוֹין מְקַרֵב גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע גְּדוֹלִים.

אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס נַייֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער, זַיין נָאמֶען אִיז אוּנְז בַּאקַאנְט, ר' יוּדְל - עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער. ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן יָאר תקנ"א, אוּן בִּיז דֶעם יָאר אִיז ר' יוּדְל גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן מִיט 'פוּפְצְן יָאר'. דֶער ר' יוּדְל אִיז אַלְט גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס זֶעקְס אוּן דְרֵייסִיג צוּ זִיבְּן אוּן דְרֵייסִיג יָאר, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג - צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן בַּיי דִי יָארְן זֶעט זִיךְ גוּט אָן אַ חִילוּק פוּן צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג בִּיז זִיבְּן אוּן דְרֵייסִיג - דֶערְקֶענְט מֶען גוּט!



דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַאסְט, אִין אֵיין יָאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפַאסְט 'אַכְצְן מָאל פוּן שַׁבָּת צוּ שַׁבָּת' - אִין אֵיין יָאר! יָא, אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעדַארְט אוּן אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט - אַן יוּנְגֶערְמַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען, אוּן ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי אִין דַאשִׁיב, פוּן ר' יוּדְל אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן!

דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער ר' יוּדְל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן! וִוי קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין?! אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער, וָואס ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אִיז גֶעוֶוען וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים; "אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט אַ 'חַד בְּדָרָא'"! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט צוּ ר' יוּדְלֶ'ען; "וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען ר' פִּנְחָסְ'ן"! ר' יוּדְל אִיז דָאךְ גֶעוֶוען זַיינֶער אַ תַּלְמִיד - "וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען ר' פִּנְחָסְ'ן"!

קֶען מֶען דָאךְ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶר הָאט דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן! עֶר הָאט אַזוֹי דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי קֶען מֶען זַיין פוּן אַ רֶבִּי'ן אַזוֹי וַוייט"?! ר' יוּדְל עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דַאשִׁיב, דַאשִׁיב אִיז לֶעבְּן אוּמַאן, אוּן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז דָאס וַוייט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי וַוייט פוּן אַ רֶבִּי'ן"?! אִיז עֶר אַרוֹיס וואוֹינֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִין אֵיין שְׁטָאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג!

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

מָרַת לֶעפְּקָאוִויטְשׁ תְּחִי' דִי טָאכְטֶער פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַלְט עֶלֶעוְ חֳדָשִׁים הָאט זִי לַיידֶער בַּאקוּמֶען דִי קְרַענְק פָּאלְיוֹ אוּן אִיז נֶעבֶּעך גֶעוָוארְן פַּארַאלִיזִירְט אִינְגַאנְצְן. נַיין יָאר אִיז זִי גֶעלֶעגְן אִין "אָלִין" אַ שְׁפִּיטָאל פַאר אַזֶעלְכֶע קְרַאנְקֶע, אָן צוּ קֶענֶען זִיךְ רִירְן פוּן בֶּעט.

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּן וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווייט פוּן זֵייעֶר קִינְד וָואס אִיז נֶעבֶּעך נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן אִיבֶּער אַלֶעם הָאט זֵיי גֶעקְרֶענְקְט אַז דִי טָאכְטֶער דַארְף לֹא-עָלֵינוּ זַיין אִין אַ פְּרַייעֶ פְּלַאץ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. פַאר יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה הָאט מֶען זִיךְ גֶעבְּרוֹיכְט אַרוּמְקְרִיגְן מִיט דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר.

ס'אִיז גֶעוֶוען חֹדֶשׁ אֱלוּל וֶוען ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אִיז ווי זַיין שְׁטֵייגֶער גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן חֹדֶשׁ הָאט דִי מַאמֶע גֶענוּמֶען דָאס קְרַאנְקֶע קִינְד אוּן מִיט מְסִירוּת-נֶפֶשׁ אִיר גֶעפִירְט צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא ר' שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן וואוּ דֶער טַאטֶע ר' שְׁמוּאֵל הָאט דֶעמָאלְס פַארְוַוײלְט זַיינֶע טֶעג אִין תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה.

דִי מַאמֶע הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דָאס קִינְד אוֹיף אַ דֶעקֶע אוֹיף דֶער עֶרְד בַּיים ווינְקְל פוּן קֶבֶר רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְפַּלֵּל זַיין מִיט בְּכִיּוֹת. ר' שְׁמוּאֵל אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן זַייט בַּיי דִי מֶענֶער הָאט אוֹיךְ אַיינְגֶערִיסְן פַאר אִיר



רְפוּאָה. פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ דָאס קִינְד אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי גְרַאטֶעס אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס. ס'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אַרוּם.

גְלִיקְלִיךְ בִּיז גָאר הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן גֶעקֶענְט אַהֵיימְנֶעמֶען דָאס קִינְד בִּיז נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים. מָרַת לֶעפְּקָאוִויטְשׁ דֶערְצֵיילְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זִכָּרוֹן וָואס זִי גֶעדֶענְקְט פוּן אִיר שְׁטוּב אִיז דִי פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט, דֶער עִיקָּר דִי לִידֶער "אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ" אוּן "מִצְוָה גְדוֹלָה" וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזוּנְגֶען גֶעוָוארְן שְׁטֶענְדִיג אִין שְׁטוּב אוּן הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אָן אֱמֶת'ע פְרֵייד אִין אִיר הַארְץ.

**לרפואת הרה"ח רבי שמעון ישראל בן פריידא הי"ו**

ווי דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: "אַז ס'גֵייעְן מֶענְטְשְׁן, אוּן בֶּעטְן [פוּן] 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא, אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵּל! – אוּן זֵיי טְרָאגְן 'סְפָרִים' פוּן 'תְּפִילּוֹת'! הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁרָאקְן פַּאר [פוּן] זֵיי! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַּאר [פוּן] אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקְן!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער זֶענְט אִיר"?! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווִי] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' אִיז גֶעוֶוען, כַּנַ"ל – הָאט [הָאבְּן] זִיךְ דֶעמָאלְט דִי וֶועלְט, צוּטֵיילְט אוֹיף 'כַּמָּה כִּיתּוֹת' [אַסאךְ גְרוּפֶּעס]! – 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס' [זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זֵייעֶר זַאךְ], אוּן 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס', (אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִי אַלֶע 'כִּיתּוֹת')"!

'דֶעמָאלְט' הָאבְּן מִיר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער 'עִיקָּר תַּכְלִית', אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד, אִין 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעזוּכְט! – אוּן מִיר הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! – אוּן מִיר הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ 'מֶלֶךְ'"!

ווי דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' הָאט דָאס דֶערְהֶערְט – אִיז דָאס אִים זֵייעֶר ווָאוּיל־גֶעפֶעלְן! – וָוארְן 'דָאס' ווִיל עֶר זִיךְ!

הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעוִויזְן: דֶעם 'סֵדֶר' פוּן זַיינֶע 'תְּפִילּוֹת', אוּן זַיינֶע 'סְפָרִים' אוּן 'זַיינֶע זַאכְן' ווָאס עֶר הָאט [פַּארְפַּאסְט] אוֹיף 'תְּפִילּוֹת'!

ווי זֵיי הָאבְּן דֶערְהֶערְט זַיינֶע רֵייד – הָאבְּן זִיךְ זֵיי, דִי 'אוֹיגְן' גֶעעֶפְּנְט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'בַּעַל־תְּפִילָּה'!

הָאבְּן זֵיי אִים תֵּיכֶף גֶעמַאכְט פַּאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זִיךְ! – וָוארְן זֵייעֶר 'מֶלֶךְ', הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה'! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן'"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט! אוּן הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעוִויזְן, ווִיאַזוֹי 'תְּפִילָּה' צוּ טָאן צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט, פַּאר 'זֵייעֶר־גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים גְמוּרִים'!

וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְרִיעֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען 'צַדִּיקִים' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'תְּפִילָּה'! – לוּשְׁמִיר [נָאר] דֶער [דָאזִיגֶער] 'בַּעַל־תְּפִילָּה', הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן 'זֵייעֶר־גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים'!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה גֶעשִׁיקְט אַ 'בְּרִיוו' צוּם 'גִבּוֹר',

אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעפוּנֶען 'אַזוֹינֶע מֶענְטְשְׁן' ווִי עֶר ווִיל! – אוּן [אַז עֶר] אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי"!

דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' טְרֶעפְן אָן דֶעם 'מְמוּנֶּה עַל הָאוֹצְרוֹת' אוּן 'דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' הַנַ"ל (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה פוּן גֶעלְט', ווָאס בַּיי זֵיי אִיז דָאס 'גֶעלְט' דֶער עִיקָּר גֶעוֶוען וְכוּ', כַּנַ"ל זֵיי הָאבְּן ווַייטֶער עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן אִין זֵייעֶרֶע 'עֲבוֹדוֹת' (דְהַיְינוּ: ווָאס זֵיי פְּלֶעגְן טוּהְן 'ווִילְדֶע [מָאדְנֶע] זַאכְן', אוּן הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען 'קָרְבָּנוֹת' צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: צוּ דִי ווָאס הָאבְּן גֶעהַאט 'פִיל גֶעלְט', כַּנַ"ל!

אוּן דִי 'צַייט' ווָאס דֶער 'גִבּוֹר' הָאט זֵיי 'נָאךְ' גֶעגֶעבְּן הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאלְד אוֹיסְצוּגֵיין [עֶנְדִיגְן] דִי

’צַייט‘! הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטָאן זֵייעֶרע ע] ’עֲבוֹדוֹת‘! אוּן [זֵיי] הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶועןְ ’קָרְבָּנוֹת‘ אוּן ’קְטוֹרֶת‘! אוּן [זֵיי] הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרע ’תְּפִילוֹת‘, וָואס זֵיי פְּלֶעגְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרע ’גָאטְן‘!

זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ ’חַיֶה’לֶע‘, דְהַיְינוּ: אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט ’וֵוייניג גֶעלְט‘! – אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ ’קָרְבָּן‘, צוּ זֵייעֶרע ’גָאטְן‘!

אוּן סְ’אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן דִי ’דֵיעָה‘ ”אַז זֵיי מוּזְן טוּהְן דִי ’עֶרְשְׁטֶע עֵצָה‘ וָואס מְ’הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן.

אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן צוּ ’דֶער מְדִינָה‘ וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע מְדִינָה] ’גָאטְן‘, וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָארְט ’זֵייעֶר־וִוילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת‘ – (וָואס נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ’דֵיעָה‘ [מֵיינוּנְג] נָאךְ, זֶענֶען זֵיי אַלֶע ’גָאטְן‘ וְכוּ‘, כַּנַ"ל“! – אוּן דִי ’[דָאזִיגֶע] מְדִינָה‘, וֶועט [וֶועלְן] זֵיי בְּוַודְאַי הֶעלְפְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע ’גָאטְן‘, כַּנַ"ל.

הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן! אוּן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט ’שְׁלוּחִים‘, אַהִין צוּ דֶער ’מְדִינָה‘ הַנַ"ל!

דֶערְוַוייל! אִין [אִיז אִינְמִיטְן] ’וֶועג‘, וִוי דִי ’שְׁלוּחִים‘ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען – זֶענֶען זֵיי פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן! הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן [אָנְגֶעטְרָאפְן] אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ ’שְׁטֶעקְן‘! – וָואס זַיין ’שְׁטֶעקְן‘, הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן, מֶער פוּן ’אַלֶע זֵייעֶרע גָאטְן‘!

דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער ’שְׁטֶעקְן‘ זַיינֶער, אִיז גֶעוֶוען גֶעזֶעצְט, מִיט ’זֵייעֶר־טֵייעֶרע דוּמִיטְן‘ [דִימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער]! – וָואס דֶער ’שְׁטֶעקְן‘, אִיז וֶוערְט גֶעוֶוען מֶער, אֵיידֶער [וִוי] דָאס [גַאנְצֶע] ’עֲשִׁירוּת‘ פוּן ’זֵייעֶרע אַלֶע גָאטְן‘ [צוּזַאמֶען]! – מְ’זָאל צוּם־אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] גָאר דָאס [גַאנְצֶע] ’עֲשִׁירוּת‘ פוּן ’זֵייעֶרע גָאטְן‘, אוּן אֲפִילוּ פוּן דִי ’גָאטְן‘ פוּן ’יֶענֶער מְדִינָה‘ וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי – אִיז דֶער ’שְׁטֶעקְן‘, מֶער וֶוערְט גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרע ’אַלֶע [אַלֶעמֶען צוּזַאמֶענְס] עֲשִׁירוּת‘!

וִוידֶער [אוֹיךְ] אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אִין [מִיט] אַ ’קַאפֶּעלִישׁ‘, וָואס סְ’אִיז אִין אִים גֶעוֶוען [אַרַיינְגֶעזֶעצְט] ’דוּמִיטְן‘ – וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] ’קַאפֶּעלִישׁ‘, אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גֶעוֶוען ’וִוילְד־פִּיל‘!

וִוי [נָאר] דִי ’שְׁלוּחִים‘ הָאבְּן דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשׁ דֶערְזֶעהְן – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן פַאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה (דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבִּיקְט פַאר אִים זֵייעֶר פִּיל)! – וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ’נַארִישֶׁע דֵיעָה‘ [מֵיינוּנְג] נָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ [גֶעוֶוען] אַ ’גָאט אִיבֶּער אַלֶע [זֵייעֶרע] גָאטְן‘! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ, אַזוֹי אַ [אַזַא] ’וִוילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת‘!

(אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט – דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער ’מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת‘ פוּן דֶעם ’מֶלֶךְ‘ הַנַ"ל.

הָאט דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי: ”אָט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ?! – קוּמְט מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן ’עֲשִׁירוּת‘“! הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אוֹיף דֶעם ’בַּארְג‘, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶע’סַדֶר’ט דֶער ’אוֹצָר‘ פוּן דֶעם ’מֶלֶךְ‘! הָאט עֶר זֵיי גֶעוִויזְן דֶעם ’אוֹצָר‘!

וִוי [נָאר] זֵיי הָאבְּן דֶערְזֶעהְן דֶעם ’אוֹצָר‘ – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה! – וָוארְן ’דֶער [דָאזִיגֶער]‘ אִיז זִיךְ אַ ’גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטְן‘ (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ’נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵיעָה‘ – וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער ’עִיקָר אֱמוּנָה‘ גֶעוֶוען, דָאס ’גֶעלְט‘ [אוּן דָאס ’עֲשִׁירוּת‘], כַּנַ"ל!

נָאר קַיין ’קָרְבָּנוֹת‘, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען [דָארְט]! וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ’דֵיעָה‘ נָאךְ, אַז ’דֶער‘ אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] ’גָאט‘ וְכוּ‘ – וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַודְאַי מַקְרִיב גֶעוֶוען!

נָאר מְ’הָאט דִי ’שְׁלוּחִים‘ [גֶעהַאט] אָנְגֶעזָאגְט: ”אַז אִין [אוֹיפְן] ’וֶועג‘, זָאלְן זֵיי קַיין ’קָרְבָּנוֹת‘ נִישְׁט

מַקְרִיב זַיין"! – ווָארְן זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט: אַז [אוֹיבּ] זֵיי וֶועלְן אִין [אוֹיפְּן] 'וֶועג', 'קָרְבָּנוֹת' מַקְרִיב זַיין – וֶועט פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן!

ווָארְן טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ 'אוֹצָר' אִין [אוֹיפְּן] 'וֶועג'! – [אָדֶער] טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין 'בֵּית־הַכִּסֵּא' אַרַיין, אוּן וֶועט דָארְט גֶעפוּנֶען אַ 'אוֹצָר'! – – וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלְן מַקְרִיב זַיין צוּ אִים [צוּם 'אוֹצָר']! – [בְּמֵילָא] וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן דִי 'מְדִינָה', אָנְגֶעזָאגְט [פַאר] דִי 'שְׁלוּחִים': "אַז אִין [אוֹיפְּן] 'וֶועג', זָאלְן זֵיי קֵיין 'קָרְבָּנוֹת' נִישְׁט מַקְרִיב זַיין"!

הָאבְּן זִיךְ דִי [דָאזִיגֶע] 'שְׁלוּחִים' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען:

"נָאךְ ווָאס זָאלְן זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע 'גָאטְן'?

דְהַיְינוּ: צוּ דֶער 'מְדִינָה' ווָאס מְ'הָאט זֵיי אַהִינְגֶעשִׁיקְט, ווָאס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע '[ווילד] גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים' – ווָאס בַּיי זֵיי, זֶענֶען זֵיי [אַלֶע] 'גָאטְן'" [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת א]!

אָמֶער [עֶס אִיז דָאךְ אַסַאךְ] בֶּעסֶער [פַאר זֵיי – בַּיי דֶער '[דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' – [עֶר] וֶועט זִיךְ זֵיי [זִיכֶער] בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפְן!

ווָארְן [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ], עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַ '[גְרוֹיסֶער] גָאט' אִיבֶּער זֵיי אַלֶע [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע 'מְדִינָה'] (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר מְשׁוּגָע'נֶע דֵיעָה נָאךְ)! – ווָארְן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת', מֶער פוּן זֵיי אַלֶע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים)!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] 'דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשְׁן': אַז עֶר זָאל מִיט זֵיי גֵיין, אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה' אַרַיין"!

אִיז עֶר צוּ זֵיי מְרוּצֶה [בַּאווִילִיגְט] גֶעווָארְן! אוּן [עֶר] אִיז מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען! אוּן [עֶר] אִיז גֶעקוּמֶען אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה' אַרַיין!

אִיז בַּיי 'דֶער [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' גֶעוֶוען, אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה': "[אוֹיף דֶעם] ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְן אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט'"!

ווָארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְזִיכֶערְט: "אַז דוּרְךְ אִים, וֶועלְן זֵיי בְּווַדַּאי הָאבְּן אַ 'הִילְף'"! – ווָארְן עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט' [לוֹיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג]! – ווָארְן עֶר הָאט זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גְרוֹיס עֲשִׁירוּת'!

הָאט 'דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' גֶעהֵייסְן: (ווָאס עֶר אִיז עֶס גֶעוֶוען דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', כַּנַ"ל!

"אַז אֵיידֶער [פַאר] סְ'וֶועט זַיין אַ רֶעכְט [רִיכְטִיגְן סֵדֶר] אִין דֶער 'מְדִינָה' – זָאל מֶען דֶערְווַייל קֵיין 'קָרְבָּנוֹת' [בִּכְלָל] נִישְׁט מַקְרִיב זַיין"!

(ווָארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְמוּנֶה', אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶער צַדִּיק'! – ווָארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי 'לַייט' פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'מֶלֶךְ', ווָאס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע 'גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֵייעֶר'! – הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', בְּווַדַּאי זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, דִי '[אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע] נַארִישֶׁע מִנְהָגִים' פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְדִינָה'! – נָאר עֶר הָאט זֵיי [דֶערְווַייל] נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפִּירְן פוּן זֵייעֶר 'שְׁלֶעכְטְן וֶועג'! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶערְווַייל הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל כָאטְשֶׁע קֵיין 'קָרְבָּנוֹת' נִישְׁט מַקְרִיב זַיין")!

הָאט 'דִי מְדִינָה' אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: "מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִבּוֹר' הַנַ"ל [ווָאס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], ווָאס זֵיי הָאבְּן פַאר [פוּן] אִים זֵייעֶר מוֹרָא, כַּנַ"ל.

אוּן דֶער 'מְמוּנֶה' הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִבּוֹר'"?! (ווָאס עֶר ווַייסְט")?!

# תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זַיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶתֶ׳ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵימוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.



מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.

זַיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.






המשך פון לעצטע בלאט

אוֹיג אוֹיף זִיךְ אוּן מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם קְרוֹין פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט מֶען שׁוֹין זֶען אוֹיךְ דִי גוּטְ׳ס אַרוּם אוּנְז, אוֹיף אַלֶע אִידְן אַרוּם וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ טְרֶעפְן זֵייעֶר גוּטֶע נְקוּדוֹת, אוּן זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל אוֹיךְ מִיט זֵיי בַּאשַׁיינְט זִיךְ דֶער קֶענִיג, אוּן אוֹיךְ זֵיי הָאבְן דִימַאנְטְן אוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס מֶען דַארְף עֶס נָאר טְרֶעפְן אוּן זֵיי אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין דִי הֵיילִיגֶע קְרוֹין פוּנֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג.

______ :pe



# לאמיר זיך פארהערן

## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (10)

**א. וואס האט דער בעל תפלה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ❑ מורא'דיגע מופתים
- ❑ די סדר פון זיינע תפלות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ❑ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין וועג
- ❑ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער וועג
- ❑ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ג. וואס האט דער בעל תפלה געמאכט פון זיי ?**
- ❑ עהרליכע אידן
- ❑ צדיקים
- ❑ זייער גרויסע צדיקים גמורים

**ד. צו וועמען האבן זיי געשיקט שלוחים?**
- ❑ צום גבור אז ער זאל זיי גיבן נאך צייט
- ❑ צו די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ צו דעם בעל תפלה אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור

**ה. וועם האבן די שליחים געטראפן אינמיטן וועג?**
- ❑ מענטשן פון די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ דעם גבור מיט דעם בעל תפלה
- ❑ א מענטש וואס זיין שטעקן איז ווערד מער פון זייער גאנצע עשירות

**ו. וואס האט דער מענטש געוויזן פאר די שלוחים?**
- ❑ די וועג צו די מדינה וואו זיי ווילן אנקומען
- ❑ די בארג וואס אויף דעם איז מסודר די אוצרות פון מלך
- ❑ די וועג צום שווערד פונעם גבור

**ז. וואס האבן זיי געבעטן פון דעם מענטש?**
- ❑ אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור אז ער זאל נאך ווארטן
- ❑ אז ער זאל זיי ווייזן די וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל גיין מיט זיי צו זייער מדינה

**ח. פארוואס האבן זיך די מדינה של עשירות זייער געפריידט?**
- ❑ ווייל דער גבור האט פארלענגערט די צייט
- ❑ ווייל זיי האבן געטראפן אזא גאט (לויט זייער דעה)
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער מענטש געהייסן אויף דערווייל?**
- ❑ מ'זאל אוועקן ווארפן די געלד
- ❑ מ'זאל זיך מכניע זיין צום גבור
- ❑ מ'זאל נישט מקריב זיין קרבנות

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געדאנק

**אין וועג וואס די שלוחים פון די מדינה של עשירות זענען געגאנגען און זיי האבן געטראפן דער ממונה אויף די אוצרות – זיי זענען געגאנגען אויף דייער וועג וואס זיי האבן געוואלט גיין?**

**תשובות אויף פאריגע וואך**

**וויפיל אנשי המלך איז דא? צען וויפיל ווערט דערמאנט די וואך? ניין ווער פון די אנשי המלך ווערט נישט דערמאנט די וואך? דער אוהב נאמן**

אלע גורלות קומענדיגע וואך בעז"ה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# פַאר וֶועם אִיז דֶער קְרוֹין?

## דעם רבינ'ס משלים



אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי זַיין גוּטֶער פְרַיינְד מַאכְט אַ שֵׁיינֶעם קְרוֹין, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַאר וועמֶען מַאכְסְטוּ אַזַא שֵׁיינֶעם קְרוֹין?" הָאט אִים זַיין פְרַיינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס מַאךְ אִיךְ פַאר אוּנְזֶער גְרוֹיסְן קֶענִיג!"

"אוֹיבּ אַזוֹי," הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט "אוֹיבּ מַאכְסְטוּ דֶעם קְרוֹין פַארְן קֶענִיג אַלֵיין דֶעמָאלְס יֶעדֶע גוּטֶע שְׁטֵיין אוּן דִימַאנְט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר טְרֶעפְן זָאלְסְטוּ דָארְט אַרַיינְשְׁטֶעלְן, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט טַאקֶע פַאר אַ קְרוֹין פוּנֶעם חָשׁוּבְ'ן קֶענִיג."

דֶער מָשָׁל דֶערְצֵיילְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ו' וָואס אִיז בַּאוואוּסְט אַלְס דִי תּוֹרָה פוּן "אֱלוּל" וָואס רֶעדְט וֶועגְן דִי אֱמֶתְ'ע וֶועג וִוי אַ אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער רֶבִּי גְלַייכְט צוּ יֶעדֶער אִיד - אֲפִילוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער אוּן נִידְרִיגְסְטֶער צוּ אַ קְרוֹין פוּן בַּאשֶׁעפֶער! אַזוֹי וִוי דִי קְרוֹין אִיז מְכַבֵּד דֶעם קֶענִיג אוּן דֶער קֶענִיג בַּארִימְט זִיךְ דֶערְמִיט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז יֶעדֶער אִיד "דֶער קְרוֹין" פוּן קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט אוּן דֶער קֶענִיג בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אִידְן בַּאזוּנְדֶער בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוֹת.

דֶער עִיקָר סִבָּה לַיידֶער פַארְוָואס אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ נֶעבֶּער צוּ זִינְדִיגְן אִיז וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט עֶר קוּקְט זִיךְ אָן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, אַז עֶר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג אוּן וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט צוּ עֶר זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן פַאלְן לַיידֶער אַוואוּ עֶר אִיז גֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער צַדִיק דֶער אֱמֶתְ'ער רַחְמָן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר רַחֲמָנוּת אִיז זִיךְ צוּ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי צוּ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע מַשָּׂא פוּן דִי עֲווֹנוֹת (לִקוּטֵי מוֹהֲרַן תִּנְיָנָא ז') עֶר קוּמְט אוּנְז אוֹיסְזָאגְן דֶעם רִיכְטִיגְן אֱמֶת, עֶר לָאזְט וִויסְן פַאר יֶעדְן אִיד וואוּ עֶר זָאל נָאר הַאלְטְן: "טַייעֶרְער אִיד! קוּק זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, בִּיסְט זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים מֶלֶךְ! דוּ בִּיסְט דֶער "קְרוֹין" פוּנֶעם מֶלֶךְ! דֶער קֶענִיג שֶׁעצְט דִיר! עֶר בַּאשַׁיינְט זִיךְ מִיט דִיר עֶקְסְטֶער!"

דֶערִיבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְ'ס וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ טוּסְט אַ גַאנְצְן טָאג, הֵייבּ אָן צוּ זוּכְן אִין דִיר גוּטֶע נְקוּדוֹת, גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן דֶערְמִיט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס וִוילְן, יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה אִיז אַ בְּרִילִיאַנְט, אַ טַייעֶרֶע שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּן בַּאשֶׁעפֶער! זוּךְ אִין דִיר אַלֵיין יֶעדֶע צַד זְכוּת אוּן גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְטוּ נָאר טְרֶעפְן, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרִיוַואטֶע קְרוֹין... דָאס אִיז אַ קְרוֹין פוּנֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּקְן מִיט אַ גוּטֶע

המשך אויף זייט 10

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי שיף הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה הענדלער הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב דוד ראטענבערג הי"ו
לרגל אירוסי בנו הח' מרדכי אלימלך למזל טוב